# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


# Far folḳ un heymland


**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**



**Mosḳṿe, 1943**


געזאנג וועגן די אכט און צוואנציק


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**



Visual Library



## געזאַנג וועגן די אכט און־צוואַנציק

1

א דעמב בא דעם וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי...
פון ערגעץ א בלאָנדזשענדער ווינט גיט א ווײ.
ער דאַרף ניט קיין רו. ניט געקומען צוגעסט.
ער זוכט דאָ א גראָבן. ער זוכט דאָ א נעסט,
ער זוכט דאָ א קיווער — א קוש טאָן די ערד,
וווּ ס׳רוט פון גוואַרדייער ס׳געביין און ס׳געווער.

ווער וועט זי אים ווײַזן? ווער טראָגט דאָ די וואַך?
ס׳איז שטיל. א פאַרכאַלעשטער ציט זיך דער שליאַך.
א יעטווידן שאָרך פון אַרום ער פאַרנעמט, —
אין גרויען שינעל ווי אין קאָרע פון דעמב
מיט שלאָפלאָזע אויגן, באַהויכט דורך א שטראַל,
די וואַך טראָגט באַם ראַנד א גוואַרדיי־גענעראַל.

— האָסט, ווינט, אונטערוועגס דאָ פאַרבלאָנדזשעט אהער,
געקומען גוואַרדייער באַערן — באַער!
געאַרמט מיט דער ערד, זײַנען אַלע פאַראַן,
נאָר ס׳איז ניט קיין קיווער, — ס׳א שלאַכטיקער ראַנד.
טרומייטן זיך קויקלען און וועקן דאָס פעלד:
דאָס גיבער־געביין פון גוואַרדייער באַפעלט!

די וואַך איז צעשטעלט. דאָס געשלעג זעצט זיך פאָר.
עס שטעלן קיין סרייפעס ניט אָפּ דעם קאַיאָר.
זאָל זײַן אכט און צוואַנציק, קיין איינער ניט מער...
עס זאַפּט אין גראַניט ניט אדורך זיך קיין טרער,

דער פעלדז אונטער וואָלקנס באַדאַרף ניט קיין טוי, —
אומשטערבלעכקייט איז אין געשלעג זיי פּאַרטרויט.

עס קרעכצן די וועלדער אַן אומעט אַרויס,
דער האַרבסט טוט די מעשענע פּאַנצערס זיי אויס,
זיי זאָלן זיך נאַקעטע טאָן א צעגיי
אַף קראָמיסלעס גאָלדענע ברענגען דעם שניי.
מיט שלאָפּלאָזע אויגן אַריבער דעם וואַלד, —
אַף מײַרעוו-זײַט קוקט דער גוואַרדיי-גענעראַל.

עס שפּרייט זיך אין רויך פאַר זײַן בליק דער מאַרשרוט
פון דעם אימפּעראַטאָר נ׳דרײַעקיקן הוט,
ער זעט אים געבויגן צום קאָפּ פונעם פערד,
פאַרלאָזנדיק איינזאַם די רוסישע ערד,
עס יאָגט זיך א ווינגע אים נאָך און א שניי
אָט דאָ אַפן וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי.

פאַרוואַקסן די טראַמען, פאַרוויעט דער רום.
עס ציִען די וועגן זיך ווײַט אַף אַרום,
פאַרגאַרטלען די רוסישע ערד אַזוי שטײַף;
נאָר אומגערן גיב זיי מיט פינגער א פײַף,
וועט אופגיין אַף יעדן אין ליכט פון קאַיאָר
דער רום און דער ווייטעק פון הונדערטער יאָר.

דער הימל באַלייגט איז מיט רויך און מיט אַש,
עס לויפן כאַיאָלעס און פאַלן אין ראַש,
צעטראָטן פון פערד, אינעם שניי ביזן בויך...
נאָר ס׳גיט א דערטרינק זיך די זעונג אין רויך
פון דײַטשישע אַכציק דיוויזיעס אין פעלד,
וואָס גייען אַף מאָסקווע — באַהערשן די וועלט.

אָט ליגט עס, דאָס לאַנד, אין האַרבסטיקער פּראַכט —
ס׳האָט יעדער זײַן מי און זײַן בראָכע געבראַכט:
די טווע — דאָס פעלד, און די ביימער — די פרוכט,
די שטאָט האָט דאָס כײַעל מיט שווערדן באַגורט,
און העלדן מיט מאַזל געבוירן אין לאַנד
האָט יעטווידע מאַמע און יעטווידער קאַנט.

און זיי איז דער צוטריט צו מאָסקווע פאַרטרויט.
ס׳וועט זײַן אַ געשלעג! ס׳וועט געפּלעפט זײַן דער טויט!
עס גיט זיך אַ דונער אַ קויקל פאַרבײַ,
און בליצן פאַרשפּרעכן אַ האָגל פון בלײַ,
אַ וואָלקן אין דר׳הייך זיך צערײַסט ווי אַ שוואַן —
פונוויַיטן באַווײַזט זיך אַ טאַנק-קאַראַוואַן.

פאַרטראַכט דען אַן אָדלער אין וואָלקנס זיך לאַנג,
ווען ס׳קריכט צו זײַן נעסט אַ פאַרפּעסטעטע שלאַנג?
אַ זון גיט זײַן קראַפט דען אַ מעסט און אַ וועג,
ווען ס׳יאָגן זיך וועלף נאָך זײַן מוטער אין וועג?
און טראַכט דען פון טויט אַ גוואַרדייער באַם ראַנד,
ווען היטן פאַרטרויט אים דאָס האַרץ איז פון לאַנד?

האָסט, ווינט, דאָ פאַרבלאָנדזשעט. ס׳איז לײַכט דײַן באַריר,
די ערד גיב אַ קוש און פאַרנייג זיך פאַר איר,
דערפאַר וואָס מיט זאַפטן מיט אירע האָט זי
געבוירן אַף וווּנדער אַזעלעכע זין.
געזעגענען וועלן זיי דאָ באַ דעם ראַנד
זיך בלויז מיטן לעבן, נאָר ניט מיטן לאַנד!

2

צעלייגט אַפן וועג — אַ געפאַלענער פערד,
אַ טאַנק פּאָרט אַרוף אַף אים הילכיק און שווער —
מיט אויפשריפט — Nach Moskau! אַף שטאָלענעם בויך,
האַרמאַטן, ווי באַק-ציין, באַדעקטע מיט רויך.
ער קרעכצט און ער סאָפּעט, די קייטן אין בלוט,
עס קריכט נאָך אים הינטן אַ גאַנצער מאַרשרוט.

די ביימער ער ברעכט און דעם באָדן ער בײַסט.
מיט ציילעם אין דר׳הייך זיך אַ צווייטער באַווײַזט,
אַ דריטער מיט בראָך און אַ פערטער מיט רויב,
מיט סרייפעס באַגלייטן אים דעכלעך פון שטרוי.
ער גרילצט און ער דונערט מיט יעטווידן שפּאַן:
— ווו איז ערגעץ מאָסקווע? ווי ווײַט נאָך פונדאַן?

אַ גאָלדענע וויגע אין האַרבסטיקן רוים
פון קליאָנעווע בלעטער דעם וועג זיי פאַרצוימט,

אונ הוילע בעריאָזעס, די ווײַסקײַט אנטבלויזט,
ווי צלאָמים מיט קאסקעס צעשטעלטע דורכויס,
אונ ס'טראָגט זיך א ווינט מיט געוואָי אונ געברום.
— צי איז ניט פארקישעפט די געגנט ארום?

דאָ רײַסט פונ די ווײַטנ א וואלד זיך ארויס,
דאָ גיט זיך א הייב אופ די ערד ווי א פויסט,
פונ ערגעצ א בלישטש ווי א שווערד גיט א טײַך,
דעמ צוג פונ אנטקעגנ א קרייצ איבערשטרײַכט,
אונ ס'טוישנ זיך פלאכנ פונ עק ביז צו עק.
— צי בלאָנדזשעט מענ ערגעצ אָט דאָ ניט אינ וועג?

— די מאפע! געשווינדער! סע שטימט. אקוראט!
קיינ מאָסקווע דער וועג פונ בערלינ איז דאָ גראד —
דורכ מאָרד אונ דורכ רויב אונ דורכ טיל אונ דורכ טעל!
עס פאָרט אינ אנ אייגענעמ טאנק דער באפעל,
אינ שווארצע קווארדאטנ, פארזיגלט אונ הארב,
אפ לאסט-וואָגנס ברייטע באגלייט דער פארדארב:

מונדירנ, שינעלנ, אינ ראנג, אקוראט,
— ווענ וועט מענ זיי אָנטאָנ אפ מאָסקווער פאראד?
— ווענ וועלנ א בליאסקע די צײַלעמער טאָנ?
א שארבנ שוועבט דורכ — אינ בינאָקל פארטאָנ,
ער קוקט דאָרט די לעכער זיך אויס פונ דער פאָנ,
נאָר ס'זעט זיך אינערגעצ דאָרט מאָסקווע ניט אָנ!

א שניי אונ א ווינט אינ דער ווײַט ביז צומ זוימ,
מע קוקט אפ די זייגערס: — וואָס דויערט אזוי?
עס פלאצנ פונ אומגעדולד פויקנ אינ וועג,
טראָמבאָנעס, ווי פריידיקס, צו ווינטנ געשטרעקט,
ארומנעמענ זאָל מענ, א בלאָז טאָנ אינ זיי.
נאָר ווינטיק פארשטאָפּט זיי די גאָרגלענ דער שניי.

— ווו זײַנענ די שווארצע מאזשאָרנ פונ מאָרד,
בא דעמ אָבעליסק אפנ „פלאס דע קאָנקאָרד"?
וואָס ווארטנ די צײַלעמס, וואָס הײַעט די האק
פונ בלוטיקע מארשנ אינ ווארשע אונ פראָג?

װאָס צינדט אין שטוקארצן ניט אָן זיך דער פלאם
פון טעמפלען, געשענדעטע אין ראָטערדאם? —

— האָסט, שארבן, פארבלאָנדזשעט. א קיװער דו דארפסט?
עס האָט אים פארגרײט דיר דער רוסישער הארבסט
מיט שװערד פון גװארדײער אפ בלענדיקן שנײ
אָט דאָ — בא דעם װאָלאָקאָלאמסקער שאָסײ!
קוראנטן פון קרעמל מיט שטערן אין װאך
דערמאָנען דיר, שארבן, א יעטװידע נאכט:

א זון װען ס׳געבוירט די סאָװעטישע ערד,
געבוירט זי באגלײַך פאר אים אויכעט א שװערד,
אז דרײסט פאר זײַן לאנד זאָל ער זײַן אין געשלעג,
ניט װיסן זײַן מוט און זײַן קראפט זאָל קײן ברעג!
אויב אומקומען װעלן זײ דאָ בא דעם ראנד,
איז בלויז אפ די בײנער פון פײַנט פונעם לאנד!

געגאנגען איז א שטילער, א זױבערער שנײ...
דערמאָנט אין דער הײם האָט זיך עמעץ פון זײ,
זײ האָבן זיך אויסגעזעצט ברײט אין דעם ריװ,
און אײנער דערטראכט זײַן געליבטער א בריװ...
ס׳האָט עפשער פארפעלט אים א שײנער קאָנװערט,
נאָר ניט קײן געװאג אין זײַן שלאכטיקער שװערד.

דעם בריװ זײַן געליבטער װעט ברענגען דאָס לאנד.
עס װעט אים איר אויסזינגען דוירעסדיק-לאנג,
װי בא א װאָקזאל אין א הא בסטיקער נאכט
געגאנגען מ׳איז זיגן און פאלן אין שלאכט...
דעם קאָפ צו דעם װינט גיט א נײג אָן דער דעמב:
דער רום פון די זײדעס ניט זײַן װעט פארשעמט!

3

גװארדײער — גיבוירים פון רוסישער ערד —
אין צאָל אכט און צװאנציק, קײן אײנער ניט מער!
די העלמען װי קופּאָלן רונד ארום קעפ,
שינעלן װי נעפלען פון הארבסטיקן סטעפ,

געוויכטן — פארווינטיקט מיט צאָרן און מוט,
זיי האָבן אין וועג שוין פון לאנג ניט גערוט.

דאָס וואסער פון פליאגעס, פון טאשן — דאָס ברויט,
ס'טוט אויס זיך פון בראָנזענער וואָבלע די הויט,
און ווער אפ די קני, און ווער אפ א זוים, —
פארכליאנעטע הערצער פארכאפט מען אזוי,
זיי האָבן געענדיקט ניט לאנג א געשלעג,
א מאכנע זיי האָבן צעקלאפט אפן וועג.

געשמאק איז דער ביסן און לײַכט דאָס געמיט,
ווען ס'לייגט מיטן ברויט זיך א זיג אין דער מיט!
געווען איז די מאכנע אין זיבן מאָל מער,
און זיבן מאָל קלוג האָט באדארפט זײַן די שווערד!
נאָר קיינעם פון זיי ניט געווען איז נאָך קלאָר,
אז ס'שטייט ערשט דאָס סאמע דאָס גרויזאמע פאָר...

און איינער אין ריוו א דערמאָנט גיט זיך סטאם.
אז וואָרעם זײַן דארף נאָך אין זײַן קאזאכסטאן;
א צווייטער איז לאנג ניט געווען שוין צוגאסט
בא זיך אין אאול אין די בערג פון קאווקאז;
נאָר ווו איז א היים נאָך אזא דען פאראן,
ווי דאָ אינעם גראָבן, ווי דאָ בא דעם ראנד?!

גוירראָלעס זיך שמעלצן מיט פײַער אזא
צעווישן אוקראַינער און רוס און קאזאך,
זיך נויקעם זײַן גייט פאר ווײַסרוס א גרוזין,
איין מאמע אפ העלדנמוט בענטשט זיי, די זין,
איין גורל אפ אלעמען לייגט זיך ווי טוי —
עס זאָל זיי ניט קאָנען באזיגן דער טויט.

ס'רינט אויס צווישן צווײַגן פוןביימער דער טאָג.
געוואָי פון אליארם גיט באם הארצן א נאָג, —
די נאכט מיט אן אָנפלי א פינצטערן דראָט.
געווים שטעלט א ריי זיך איצט אויס באם מעטראָ
פון מאמעס און קינדער, וואָס כאלעשן רו.
און ס'גיבן גווארדייער גיבוירים א ברום.

אין ווײ און אין ווינד און אין גרויזאמען רום
צעשפרייט איז אין שלאכטן דאָס לאנד אַף ארום.
נאָר מונטער דאָס הארץ איז און לויטער דער בליק, —
ניט אָפּטרעטן וועט מען קיין טראָט אַף צוריק.
צוקאָפּנס איז מאָסקווע, געגורט מיט א שווערד,
און איינער, וואָס שלאָפט ניט קיין טעג און קיין נעכט,

וואָס טראָגט אין דער הייך צו דעם שפּיץ בארג ארופ
דעם גורל פון פעלקער דורך פלאמיקן פּרוּוו,
ניט זײַן זאָל אינערגעץ דאָס פײַער פארזאמט,
דער שטורעם זאָל זײַן, ווו ס׳איז נייטיק, געצאמט...
אין קרעמל, ווי נ׳טורעם פון טאנק, מיטן בליק
ער גרונטעוועט די אינטעגראלן פון קריג.

א שנײ גיט א לאָז זיך, א נישטער געשווינד,
דעם וועג וועט מיסטאמע אים ווײַזן דער ווינט...
— צי קלאָגן בעריאָזעס אין דעמער פארטײַכן?
— צי פליִען די פייגל אוועק אין דער ווײַט?
געזעגנען און בענטשן גוואַרדייער באם ראנד
זיך אײַלן די וועלדער, די טײַכן באנאנד,

די הארבסטיקע שטילקײַט, פון ווינט דאָס געוויין.
ניט זײַן וועט געלעסטערט קיין איינציקער שטיין!
און ס׳איז אזוי פײַערלעך, גרויזאם און גרינג,
כאָטש גיב אין דער נאכט זיך אזוי א צעזינג!
דער שנײ לייגט א זויבערער שטיל זיך אַף זײ.
— פארוואָס ז׳אזוי לײַכט פאר דיר שטארבן, ראסײ?

גוואַרדייער גיבוירים! שוין גרייט און פארטײַט,
זײ קוקן זיך אײַן פון דער טיפ אין דער ווײַט:
אָט זײַנען די טאנקען ניט ווײַט שוין פון ראנד,
דערלאנגען מע קאָן זײ, זיך דוכט, מיט דער האנט,
און אפן געהער לויטן גרילץ פונעם שטאָל
געהיים ווערט בארעכנט די גרויזאמע צאָל.

נאָר ס׳קערט א גוואַרדייער זיך אום פון דער וואך:
— כ׳האָב אויסגעציילט, אָדלערס, ס׳איז ניט אזא סאך!

אזוי א שטיק צוואנציק אינגאנצנ, ניט מער.
עס כאפּט דאָ אפּ יעדנ א טאנק אומגעפּער, —
א טאנק אפּ א קריגער. איז גרייט זיכ געמאכט!
עס זעצנ זי פּאָר די גוואַרדייער, די שלאכט!

4

דעמ הימל אפּ זיכ, איבער טורעמס — אינ דר׳הייכ
פּארוויקלט איז מאָסקווע אינ פּראָסטיקנ רויכ.
צופּוסנס — א פּאנצער פונ קופּערנעמ זאמד,
די גאסנ אונ פּלעצער — אינ שטאָלנס פּארצאמט,
ווי נ׳דערנער-קרענצ הוילע ביז ווונד אונ ביז וויי.
דער מאָסקווע-טײַכ גורט זי ווי א פּאָרטופּיי.

זי שטייט ווי דער אָנהייב, זי שטייט ווי דער ראנד...
קיינ וועג אויסער איר איז אינערגעצ פּאראנ,
אפּ דוירעס געלייגט איז איר יעטווידער שטיינ,
יאָרהונדערטנ הינטער א יעטווידנ שטייענ.
זײַנ בראָכ אונ פּארגאנג אינ איר פּלאמיקנ פּײַנ
דערזענ פונדערווײַטנ וועט יעטווידער פּײַנט.

פּארווינטיקט אונ גרוי איז איר גרויזאמ געזיכט,
אינ פונ איר פּארטונקלטקײַט שפּרודלט מיט ליכט,
מיט ליכט, וואָס דרינגט דורכ אינ די טיפנ פונ צײַט
אונ עפנט די וועגנ דער צוקונפט פּארטײַט,
מיט פלאמ פונ אכט-הונדערט-אונ-צוועלעפטנ יאָר,
ווענ אָפּגעברענט ס׳האָט דער פרעמדלענדישער יאָכ.

אינ אלע פיר זײַטנ מיט גראָבנס צעשפּרייט,
איז מאָסקווע צו שלאכט אונ צו ווידערשטאנד גרייט.
דער שטערנ פונ קרעמל אפּ קאָפּ בא איר לײַכט,
אזוי־ווי בא דעמ רויטנארמייער צוגלײַכ.
אונ ס׳וועלט זיכ מיט צווײַגנ דער דעמב:
— דער וואָלאָקאָלאמסקער שאָסיי איז אינ קלעמ!

די טאנקענ ווי טרומנעס, — א ריי נאָכ א ריי,
ס׳דערלאנגט יעדער ווײַלע די ערד א געשריי;
דעמ ערשטנ קורגאנ אונ דעמ ריוו — שוינ פּארבײַ.

דעם צווייטן זיי קנעטן און כראָמקען און קײַען,
פאַריסן די הערנער די שווארצע פון קויט,
עס טרײַבט זיי דאָרט אָן אפ די וועגן דער טויט.

— ווו איז ערגעץ מאָסקווע? טווערסקאַיא ווו איז?
א זאלפּ גיט אין שטאָלענעם מויל זיך א ריס.
— אווו איז דער קרעמל? אווו איז דער פּלאַץ?
צי האָט ניט דער שטאָלענער פּאנצער געפּלאַצט?
א וואקל זיך גיט דאָרט א טאנק אין דער זײַט...
אין גראָבן אפ שטרוי — די גווארדייער פאַרטײַט.

ס׳דערמאָנט אין דער קינדהײַט פון גראָבן די שטרוי.
און טראָפּנווײַז שטיל איר דאָס בלוט זיך פאַרטרויט.
עס רײַסט זיך דער וויי דורך שינעלן ארויס,
נאָר ס׳ליגן גווארדייער באַם גראָבן אין שויס,
זיי ליגן מיט וווּנדן זיך צו צו דער ערד
און לײַכטער דער וויי, און פאַרשווווּנדן ער ווערט.

ס׳דרינגט דורך יעדער טראָפּן צום הארצן פון לאַנד,
אָט ליגט עס אין וויי — מיטן מויל עס דערלאַנגט
א פלי גיב מיט דעם אין די ווײַטן פאָרויס!
גיט איינער א ווענדע זיך: — רוסלאנד איז גרויס,
נאָר אָפּטרעטן, ברידער, ניטאָ איז וווּהין...
פון הינטן איז מאָסקווע! אין שניי און אין ווינט,

פאַרלאָשן דאָס ליכט, ווי אין אויסשפּיר פאַרטײַעט,
די שויבן פאַרדעקט, נאָר זי קוקט אזוי ווײַט.
פאַרטונקלט איז מאָסקווע. א זשום איז אין רוים,
ס׳איז מעגלעך א שפּאַרבער אדורך דעם פאַרצוים
און ברעכט דאָרט מיט פײַער, מיט טויט און מיט בלײַ,
און שטיקער עד רײַסט פון איר מעכטיקן לײַב.

א יעדער צעברעקלטער ציגל און שטיין
רײַסט אופ זיך מיט ווייטעק בא זיי אין געביין.
די ציגל זיי האָבן געלייגט דאָ אליין,
פּאלאצן געבויט, געקנאָטן די ליים,
דעם מירמל געטאָקט פאַר דעם מאָסקווער מעטראָ
און גאסן צערוקט דאָרטן ברייט און געראָם,

ס׳איז מאָסקווע אינ יעדנ גווארדייער פאראנ,
וואָס האָט ווי א פעלדז זיכ געשטעלט בא דעם ראנד,
אינ יעטווידנ בוימ אונ אינ יעטווידנ גראָז,
אינ יעטווידנ אָטעמ פונ ווינט אונ פונ פראָסט,
אינ יעטווידנ טראָפּנ פרימאָרגיקנ טוי,
אונ ס׳האָט איבער זיי ניט צו זאָגנ דער טויט.

אונ ס׳גיט בא דעם גראָבנ א לייג זיכ דער ווינט —
ער וועט א שאָליעכ געטרײַ זײַנ אצינד!
— דרײַס דורכ זיכ אינ קרוינשטאָט! צומ קרעמל פארגיי,
גיב איבער פונ וואָלאָקאָלאמסקער שאָסיי:
מיט לײַב אונ מיט לעבנ דעם פײַנט אינ געשלעג
פארשטעלנ גווארדייער קיינ מאָסקווע דעם וועג!

5

אָ, היימלאנד, געלײַטערט אינ פײַנ פונ געשלעג!
גיי איצטער ארויס ווי א יאמ פונעמ ברעג!
פארופ דײַנע ווינטנ אונ שטורעמס אהער,
דעם פײַנט שווענק מיט פײַער אראָפּ פונ דער ערד!
זאָל גיינ יעדער וועל ווי א בארג אינ דער הייכ!
אונ גורט דײַנע זינ אָנ מיט דרייסט אונ מיט קרי׳כ!

אָ, היימלאנד, געלײַטערט אינ רומ אונ אינ וויי!
פארקישעפ מיט ברויז אונ מיט פײַער דעם שניי!
פארזאמל די זילבער-געפאנצערטע פרעסט
אונ גלי ביז דעם גרונט אויס די בלוטיקע פעסט.
די ביקסנ געפרעסט אינ די הענט זײַנענ שטײַפ,
די פינגער אינ מויל אונ ס׳דערהערט זיכ א פײַפ:

— גווארדייער גיבוירימ! גראנאטנ — דעם פײַנט!
אונ ס׳האָט זיכ אנ אופרײַס מיט פײַער צעשײַנט,
א הייב געטאָנ האָט זיכ די ערד פונ געדראנג,
אונ ס׳האָט זיכ אינ פײַער פארכלינעט א טאנק,
א צווייטער מיט נאָזלאָכ אפ לינקס אונ אפ רעכטס
א גראָב זיכ געטאָנ אינ דער ערד מיט א קרעכצ.

אונ ווי פאר אנ אָפּגרונט א בלינדער, אינ שרעק
פארהייבט דאָרט א טאנק זײַנע קריכנדע זעג,

פארהייבט זיי אינ דר'הייכ מיט בראָכ-גראגערײַ
אונ בראָקט זיכ מיט ראש אינ א צווייטנ ארײַנ,
ער בראָקט אימ אינ קארק זיכ ארײַנ מיטנ קאָפ,
אונ ס'שטעלט דער טאבונ זיכ דער שטאָלענער אָפ

מיט גרילצ אונ מיט דונער: — פארהאלטנ ווער האָט?
צוריק זיכ קיינ קערעווע אונ ווײַטער קיינ טראָט!
צעגראָבנ דער שליאכ איז אינ גריבער דורכויס,
זיי סאפענ, די מײַלער ארויסגעשטעקט בלויז, —
עס ווארגט זיי א פיבער, פארהריזנעט אונ מאט
זיי כאפנ דעמ אָטעמ דורכ רער פונ הארמאט!

מיט בלוט א פארשמיר האָט געטאָנ זיכ דער שניי
אפ שלאכטיקנ וואָלאָקאָלאמסקער שאָסיי.
פונ איינעמ דאָרט פליט שוינ די קאסקע אראָפ,
אזוי ווי אנ אונטערגעשאָסענער ראָב.
די הענט אינ דער לופט אונ דער קאָפ — זיכ א דריי:
— קיינ מאָסקווע? דו אײַלסט זיכ? צומ מאָלצײַט? נו, גיי!

ס'האָט רוסלאנד פארפוצט זיכ מיט שנייענ די ברוסט.
א שליטוועגס קיינ מאָסקווע דיר האָט זיכ פארגלוסט?
ווילקאָמענ! וואָס ביסטו פארפאקט אינ א טוכ?
וואָס קאָרטשעסטו אײַנ זיכ? א קעלט נעמט דיכ דורכ?
וואָס האָסטו פארטראכט זיכ? פארגעסנ דעמ וועג?
באמ שארבנ, וואָס צייכנט דײַנ פאָנ, גיב א פרעג!

נו, וואָס האָסטו פלוצימ פארקוקט זיכ? דו טראכסט?
באוווּנדערסט א טויטער דעמ רוסישנ הארבסט?
זיכ עפעס דערמאָנט, וואָס געבליבנ ביסט שטיינ?
א קיווער וועט זײַנ דיר דאָ יעטווידער שטיינ!
דיר זײַנ א בעסאלמענ וועט יעטווידער טאָל,
ווענ ס'זאָלנ די קישקעס דיר אויכ זײַנ פונ שטאָל!

אונ ס'רײַסט זיכ דער פלאמיקער צאָרנ אונ האס:
— ווער האָט אײַכ פארבעטנ אהערצו צוגאסט?
זיי הירזשענ, די גליבעס. זיי קריכנ פאָרויס
אונ ברעכנ דאָס שטאָלענע אינגעווייד אויס.

און ס׳פּלאַצט אַף אַ דריטנ, אַ פּערטנ די הויט,
און ס׳פירט דאָרט דעם פּינקטלעכנ כעזשבנ דעם טויט.

— גוואַרדייער! אַ טרונק פאַר די טײַוולשע זינ!
און ס׳האָבנ אַ גיי געטאָנ פלעשער בענזינ
ווי ברענ-פייגל בונטע פונ נעסטנ אַרויס
מיט פלאַמיקע פליגל פונ בראַנד און פונ ברויז.
זיי וואַרפנ זיך גראָד און זיי נעמענ געטרײַ
די טאַנקענ אינ בראַנדיקע אָרעמס אַרײַנ

און פלעכטנ זיך איבער אינ פיבער און גרויל,
ביז ס׳פאַלנ כאַלאָשעס די טאַנקענ פאַרקוילט.
עס נייענ זיך פאַנצערס פאַנאַנדער אינ בראָך,
זיי כאָרכלענ און קאָרטשענ זיך אײַנ אַף אַנ אָרט
ווי בופלאַקסנ שוואַרצע, געפּענטעט אינ פלאַם,
פונ הינטנ — אַ ריוו, און פונ פאָרנט — אַ צאַם!

און איבערנ גראָבנ — אַ האָגל פונ בלײַ.
אַ דונער רײַסט אוף זיך, אַ צווייטער — פאַרבײַ.
עס פיבערנ הענט פאַרווונדעט, און העל
איז ס׳בלוט דורך גוואַרדייישנ גרויענ שינעל.
עס ליגנ מיט דר׳ערד שוינ געאָרעמטע דרײַ,
נאָר מונטער דאָס האַרצ און ס׳געווער איז געטרײַ!

6

צוקאָפּנס איז מאָסקווע, — געגורט מיט אַ שווערד,
און איינער, וואָס שלאָפט ניט קיינ טעג און קיינ נעכט.
ער איז אינעם גראָבנ אינײנעם מיט זיי,
מיט מוט זיי ער נערט און פאַרלינדערט דעם ווײ,
עס לייגט זיך אַף רוסלאַנד אינ אומעט דער שניי...
און אונטערגעבראָכנ שוינ נאָך זײַנענ צוויי.

מיט פויסטנ פאַרשטאַרטע אינ לעצטנ באַוועג,
מיט לײַבער פאַרקילטע, צעלייגט אַפנ וועג,
אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ, — ניט פאַרלאָזט דאָס געווער,
פאַרשניטערהייט וועט מענ אויך זײַנ אַ שטער.
דעו׳ בלויז צווישנ איינעם און צווייטנ זיך מערט,
און שיטער די ריי די געשלאָסענע ווערט...

נאָר קיינער דעם טויט לאָזט ניט דורכגיין אהער.
זיי זײַנען שוין אכצן. געציילטע. ניט מער.
מע זעט ניט, ווי בלוט פון די אקסל זיך שפּאַרט,
ווי דווירעס פאַרנייגן זיך שטיל פאַר דער שלאַכט,
מע זעט, ווי עס ליגן אין בראָכוואַרג פאַריווירט
שוין פערצן צעגלידערטע טאַנקען קאַפּויר.

די קייטן צעהריזעטע הענגען אראָפּ,
די פאַנצערס — צעלעכערט, די טורעמס — צעקלאַפּט.
פאַרפּלאָנטערט אין כעזשבן — ניט גראָד און ניט אום —
זיי שטייען, די שטאָלענע גליבעס, פאַרשטומט,
אַזוי ווי אַ צווינטער פון שטאָלענעם בראָך.
נאָר ס׳גרילצן שוין נײַע, עס אײַלן שוין נאָך.

צעגלידערטע פערצן און — פערציק צו הילף!
און צען פון דעם בינטל גיבוירים — פאַרשטילט...
עס פעלן גראַנאַטן. זיי גייען צו ענד.
האָט איינער צום צווייטן געטאָן זיך אַ ווענד:
— גוואַרדייער! דאָס לעצטע פון זיך איצט מע מוז!
דרײַ טאַנקען אַנטקעגן אויף יעדן פון אונדז...

זיי קריכן אַרום. זיי באַלייגן דעם ראַנד.
אַרויסגיין פון גראָבן, גוואַרדייער, באַנאַנד!
מיט לעצטע גראַנאַטן. דערנאָך — אונטער זיי!
פאַרשטעלן די טאַנקען דעם וועג מיט די צײַנ!
ס׳וועט אויסקומען אָפּגעבן ס׳לעבן דעם לאַנד —
צעקושן זיך לאָמיר און געבן די האַנט!

און שטיל איז געוואָרן אַרום אויף אַ ווײַל,
מיט אויגן צו מאָסקווע געטאָן זיך אַן אײַל:
— אָט איז זי, די וועלט, נאָר די צײַט איז צו ענד...
איז האָט מען זיך שווײַגנד געגעבן די הענט,
געזיכטן פאַרווינטיקט מיט פּולווער און רויך, —
איז האָט מען צעקושט זיך אָן ווערטער אין דר׳הייך.

אַ וואָרף אויף אַנטקעגן דאָס טרײַע געווער:
— פאַר דיר, אונדזער היימלאַנד און לײַבלעכע ערד!

געלייגט זיך אפֿ איר, געפּאַנצערט מיט מוט,
די לעצטע גראַנאַט און די לעצטע מינוט:
— ווערט, מאָסקווע, אין האַרצן זי טראָגן, די שלאַכט...
נאָר ס׳זײַנען שוין מער ניט פֿאַראַנען, ווי אַכט.

זיי האָבן אין כמאַרעס פֿון פֿײַער און רויך
אַ הייב זיך געטאָן אין דער גאַנצענער הויך —
אַזעלכענע ריזן, געשטאַלט און געגליט,
אַ יעטווידער שאָס איז פֿון דוירעס אַ ליד,
שינעלן ווי פֿליגל צעשפּרייט אפֿן ווינט,
און זיי וועלן בערג זיך צעברעקלען אַצינד.

די העלמען — אין פֿײַער. די שטיוול — אין שניי.
אַט זײַנען זיי — די פֿונעם ערשטן פֿאַרזיי!
זאָל גאַפֿן די צײַט און זאָל וויסן דער טויט,
אַז זיי איז דאָס האַרץ פֿונעם היימלאַנד פֿאַרטרויט,
אַז ס׳וועט קיין האַרמאַט און קיין שטערבלעך געווער
ניט אָפּרײַסן זיי פֿון דער לײַבלעכער ערד.

זיי גייען. עס שפּרייט זיך דאָס שלאַכטיקע פֿעלד.
און איינער דעם צווייטן יאָגט אָן ווי אַ וועל,
פּיסטוילן — געציילטע. זיי לייגן זיך קאַרג.
גיט איינער אַ וואָרף זיך אַ טאַנק אפֿן קאַרק,
אַ צווייטן מיט אַקסל גיט איינער אַ הייב,
נ׳מיט זיי דאָרט אינײנעם זיי פֿאַלן פֿאַרטייבט.

אפֿ אייביק מע נעמט מיט דער ערד זיך אַרום
און שטיל איר די קראַפֿט און דעם מוט קערט מען אום
און שטיל זאָגט מען אָן איר: — צום קרעמל פֿאַרגיי,
גיב איבער פֿון וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי,
אַז ביז ס׳האָט דער אָטעם דער לעצטער געקלעקט,
זיך פֿאַרגעזעצט האָט — איינס־אפֿ־איינס — דאָס געשלעג!

7

אפֿ וועלכן גראָז, וואָס וועט אופֿגיין פֿון דר׳ערד,
וועט יעטווידער טוי ניט פֿאַרגיין אין אַ טרער?
אַ וועלכער שטיין, וואָס פֿאַרלייגט איז באַם וועג,
קיין איידעס ט׳ניט זײַן פֿון גוואַרדייִש געשלעג?

צי וועלן עס וועלדער ניט אויסרוישן דען:
שוין טאַנקען אויף יעדערן פֿאַלן צו צען.

נאָר ס׳גייט קעגן צען אַ גוואַרדייער אַ לויף
און פֿלעכט מיט די ריפּן פֿון טאַנק זיך צונויף.
ווער האָט דען געוויגן אין מאָס און אין צאָל
די קראַפֿט פֿונעם לאַנד און די בראָכע פֿון פֿאָלק?
די קייט מע צעהריזעט מיט לעצטן געדעכ.
— גוואַרדייער! ס׳וועט מאָסקווע ניט ווערן פֿאַרשוועכט!

מיט טריט שוין מיט לעצטע, געציילטע צו ענד,
פֿאַרשטעלט מען דעם וועג מיט פֿאַרוווּנדעטע הענט,
פֿאַרשטעלט מען די לײַבלעכע ערד אונטער בלײַ
שוין אויך מיטן אָטעם און אויך מיטן לײַב...
און ס׳גייען שוין מער ניט ווי דרײַ אין דער ריי,
מיט זיי בלויז דער ווינט, און די צײַט, און דער שניי.

מיט זיי גייט די צײַט און די צוקונפֿט — מיט זיי
אויף ווונדיקן וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי.
ניט מער ווי אַ רעגע — נאָר אייביק איז זי,
ווי אייביק דער רום איז פֿון שלאַכטיקע זין!
עס ווענדעט צו זיי זיך דאָס בלוט אויפֿן שניי,
נאָר ס׳גיבן צו דר׳ערד אַ פֿאַרנייג זיך נאָך צוויי,

אַ פֿאַל אויפֿן שניי, זיך אַ טוליע צו אים.
און ס׳גייט אַ פֿאַרטרוי אין דער ווײַט זיך אַ שטים:
— אויב עמעצ וועט בלײַבן, דערמאָנען זאָל ער,
אַניט איז דערציילן אַליין וועט די ערד...
פֿאַראַן איז נאָך איינער פֿון צוואַנציק און אַכט!
מיט לעבן מע שיידט זיך, נאָר ניט מיט דער שלאַכט!

אָט איז ער, דער לעצטער, אַליין אויפֿן ראַנד...
דער שניי איז אין בלוט און דער הימל — אין בראַנד.
ער לאָזט קעגן גאַנצן טאַבון זיך אין שלאַכט,
און ס׳גייט אויפֿן האַלדז דאָרט אַ פֿאַל אים די נאַכט
אַזוי ווי אַ מאַמע, אַנטקעגן — די קייט
געפּאַנצערטע גליבעס אויף אים, — נאָר ער גייט!

די הענט אויף דער ברוסט און דער בליק אויפֿן פֿײַנט,
אַ שטערן אין דר׳הייך האָט זיך העלער צעשײַנט.


21—5

ער טראָגט זיך, דער גיבער, צעגליט און פֿאַרשנײט.
עס לעכערט אים דורך א פּיסטויל, און ער גײט,
א צווייטער זיך גיט אינעם לײַב אים א גראָב,
א דריטער און נאָך — נאָר ער שטעלט זיך ניט אָפּ.

ער גייט! עס איז זײַנע — די ערד און דער שניי,
און קיינעם ניט וועט ער ניט אָפּגעבן זיי.
עס דוכט, אז ער גייט שוין דאָ לאנג אָט אזוי —
אריבער דעם ראנד און אריבער דעם זוים,
דורך סריפּעס און שטורעמס, דורך ווינט און קאיאָר
פֿון טויזנט-אכט-הונדערט-און-צוועלעפטן יאָר.

א שטיבעלע בלאנקט אינדערווײַטן פֿון ליים,
עס רופֿט אזוי טרויעריק אים איצט זײַן היים.
ווו איז זי? ווו ניט? זי איז דאָ, זי איז דאָרט...
אוקראַינע, ווײַסרוסלאנד און קרים און — זײַן דאָרף...
נאָר דאָרטן איז נאכט, און די זון גייט ניט אוף,
פֿון דאָרטן זיך טראָגט א געוויין און א רוף.

ער גייט! א גוואַרדייער — אליין קעגן שקוואל.
ער גיט ווי א דעמב פֿון א דונער א פֿאל
און גראָבט מיטן לײַב אין א טאנק זיך ארײַן...
אָט זײַנען זיי אלע — די שלאכטיקע פֿרײַנט —
זיי זעצן זי פֿאָר, די גוואַרדייער, די שלאכט,
דער וועג איז אָפּ מײַרעוו! די קלעם איז צעשפּארט!

אָ, היימלאנד, געטרײַע און לײַבלעכע ערד!
דו האָסט זיי געגעבן דײַן רומפֿולע שווערד
און שטיל זיי אין שלאכט אין דער לעצטער באגלייט
און שטיל זיך געזעגנט, נאָר ניט זיך צעשיידט!
אָפּ אייביק פֿארקריצט אין זיקאָרן בא זיך
א יעדערנס נאָמען און יעדנס געזיכט.

זיי זײַנען געגאנגען אין דער אומשטערבלעכקײַט!
מיט ביקסן אין וואך איז געשטאנען די פֿרײַהײַט.
פֿארנייגט האָבן וועלדער און בערג זיך ארום.
מיט זיי איז געגאנגען דײַן שטאָלץ און דײַן רום,
און מאָסקווע צוקאָפּנס, געגורט מיט א שווערד,
און דער, וואָס ער שלאָפֿט ניט קיין טעג און קיין נעכט.

——— ★✦★ ———